גלאָבוס נומ' 5 (מײַ 1932)

# וועגן דוד בערגלסאָנס „ביים דניעפּער".

(ערשטער טייל: פענעק, מאָסקווע, פאַרלאַג „עמעס", 1932)

דער ערשטער איינדרוק, בעת מ'הויבט אָן לייענען דוד בערגלסאָנס בוך „ביים דניעפּער", איז: דערזעלבער, אַלט־באַקאַנטער בערגלסאָן, די זעלבע מייסטערשאַפט פון אַריינפירן אין אַ סביבה און — טאַקע די זעלבע אַלט־באַקאַנטע סביבה. בערגלסאָן גיט אונז (צום וויפלטן מאָל אין זיינע ווערק) אַ יידיש־נגידיש קאַרגלעך הויז אין אוקריינע. דער קאָפּ פון דער משפחה איז ר' מיכאל לעווין, אַ מענטש אין די זעכציקער, וואָס דיקטירט זיין קאַסירער „למדניש־גוטפריינטישע בריוו מיט אַ שווערער העברעאישער שפראַך פון „חובת־הלבבות" און פון רמב"ם'ס „מורה נבוכים". דאָס צווייטע ווייב זיינס (אַ זעקס־און פערציק יאָריקע, נאָר אַ יונג־לייביקע. אירע בלויע אויגן־אַפּלען האָבן שוין אָפּגעבליאַקעוועט און פון די פאַרמאַכטע ווייסלעכער, וואָס אַרום זיי, קוקט נאָך אַלץ אַרויס קאַליע־געוואָרענע נישט־אויסגעגאַנגענע ליידנשאַפט") זעט מען אַמאָל שטיין אין פענצטער מיט אַ טערקישער שאַל אויף די אַקסלען. (דאָס שטיין ביים פענסטער איז, אגב, ביי בערגלסאָנען מאַנירלעך. כמעט אַלע זיינע העלדינס שטייען ביים פענצטער. אַזוי אַרום גיט דער שרייבער איבער דעם גאַנצן ליידיקגייערישן אומעט פון זיינע פאַרבענקטע יחסנטעס). ר' מיכאל לעווין האָט טעכטער פון ערשטן ווייב, לאה און צירל. „ביידע — שוין לאַנג אויסגעגעבענע, פּשוטע און וואָכעדיקע, ווי די ווייטע יאָרן, ווען זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, ווען מיכאל לעווין האָט ערשט געפּרוּווט ווערן רייך — האָבן זיי מיט זייערע מאַנען און קינדער אָנגעהויבן זיך פילן בלויז ווי ווייטע קרובים פונעם גרויסן ווייסן הויז, ווי דורך אַ פאַרזען געבליבן וווינען אין זייערע האַלב־קבצנישע הייזער, וואָס דער טאַטע האָט זיי אַמאָל געקויפט". זייערע מאַנען זענען ביים שווער פּשוטע אָנגעשטעלטע אויף געהאַלט. די יחסנים זענען די קינדער פון צווייטן ווייב. אַהער געהערן: שייגדל די גרויסע די באַליבטסטע טאָכטער, אַן אייגנטימערין



פון אַ גוראַלניע („זי האָט אָפּקאָמאַנדעוועט דאָ אַ לעבן" — זאָגט מען וועגן איר — „שוין איינמאָל אַ שיינדעלע", „זי קאָן דיר איבערשפּאַרן צען מאַנסבילן"), אינע, שלום, פּאָליעק און בליומע. אַלץ פירט זיך דאָ לויטן נגידישן שטייגער. די מאַמע פון הויז פאָרט קיין אויסלאַנד היילן די קראַנקע לעבער. ר' מיכאל לעווין האַלט אפילו נישט פון קיין דאָקטוירים, אָבער ווען ס'ווערט מיט אים שלעכט — לאָזט ער זיך צורעדן. פאַראַן דאָ אין דעם הויז אַ ייד אַן איינגייער, וואָס קריגט ביים גביר אַ דריי־ער־קערבל אויף שבת, און נאָך איינער, וואָס איז אַ חשוב ביי „איר" און ביי וועלכן זי פרעגט אויס וועגן די שטראָפן אויף יענער וועלט (די מאַמע האָט עפּעס נישט קיין ריין געוויסן צוליב חטאות־נעורים). טריט ביי טריט פירט אונז בערגלסאָן אַריין אין דעם מיליע, אין דער טעריטאָריע, ווו די האַנדלונג פון זיין גרויס ווערק דאַרף זיך אָפּשפּילן. ער באַקענט אונז אויך מיט די פּראָלעטאַריער פון דעם הויז. אָט איז יאַנקל דער בעל־עגלה, וואָס דרייט זיך אַרום און וואַרט, ביז מ'וועט דאַרפן שפּאַנען איינעם פון די צוויי פאַעטאָנען, בוני די קעכין, שיינדל די לאַנגע, אַ יונגע גרושה, אַן עקשן מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז, וועלכע פירט מיטן באַלעבאַטישקייט, יאַן דער סטרוזש. וועגן יעדן פון זיי גיט בערגלסאָן אַ קורצע טרעפּלעכע כאַראַקטעריסטיק. בערגלסאָן מאָלט נישט אָפּ אַ מענטש „פון קאָפּ ביז די פיס". ער געפינט אויס אין יעדן עפּעס אַ קענצייכן — צי אין זיין אופן רעדן, צי אין זיינס אַ תנועה. און אָט דער שטריך איז פולשטענדיק גענוג, יענער זאָל קריגן אינדיווידואַליטעט און מיר זאָלן אים דערקענען. אגב, אַ סך פון די העלדן דערקענט מען זייער גוט פון בערגלסאָנס פריערדיקע דערציילונגען. איך זאָג דאָס נישט לגנאי. אַזוי גייען אויך אַדורך כמעט איבער אַלע האַמסונס ווערק דער סוחר מאַק, עדוואַרדאַ א. אַנד. ביי טאָלסטאָיען איז פּיער פון „קריג און פרידן" אַבסאָלוט ענלעך צו לעווינען אין „אַננאַ קאַרענינאַ". דאָס באַווייזט נאָר קינסטלערישע צוגעבונדנקייט צו געשטאַלטן, אין וועלכע מ'האָט זיך איינגעלעבט אין די יונגע יאָרן און וועלכע שווימען יעדעס מאָל אַרויס ביים שרייבער צי ער וויל אָדער נישט.

ערשט איצט קאָן מען זיך אָפּשטעלן אויף דעם הויפּט־העלד פון בוך, פענעק, וועמענס נאָמען ס'טראָגט די ערשטע טייל פון דעם ווערק.

פענעק איז אַ זעקסטער זון פון דעם צווייטן ווייב, אַ בן־זקונים, אָבער פונדעסטוועגן נישט קיין חשוב. בערגלסאָנען געלינגט איבערצוצייגן, פאַרוואָס מ'האָט דאָס יונגל אין שטוב נישט ליב געהאַט.

„נישט וועלנדיק האָבן קיין קינדער, אָן שום גלויבן, אַז זי קאָן נאָך קינדער האָבן, איז די מוטער פון „הויז" דאָך פאַרגאַנגען אין טראָגן, און גלייך פיינט געקראָגן דעם וואַקסנדיקן בויך צוגלייך מיט דער עלטער, וואָס רוקט זיך אויף איר אָן, געפילט אין איר געעלטערטן מעוברת־זיין עפּעס ווי אַ בזיון"... זיין אויסזען, זיין ווילדקייט און זיינע מיאוסע תנועות פאַרשטאַרקן נאָך מער דעם חידערווילן צו אים. — „זעט, האָט זי (די מאַמע — י. ב.) אויף אים געזאָגט, — חזירישע ליפּן האָט ער... אַ ווייטאָק איז מיר — איך האָב אין טראָגן זיך פאַרקוקט אויף לייזער דעם משרת, וויי איז צו מיר... קוקט: לייזער דעם משרתס ליפּן"...

און סטאַקי דורך אים, פענעק, האָט בערגלסאָן געמאַכט אַ פּרוּוו איבערצושפּרייזן פון ליטעראַטור סתם צו פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

פענעק איז אַ נרדף, ער האָט דערפאַר אַ נייגונג צו דער קיך, צום בעל־עגלה, צו די דינסטן. ער האָט פיינט דאָס חדר און ליב די הינטערגעסלעך. אַדאַנק פענעקן מאַכט דער לייענער קאָנטאַקט מיט אַלע בעל־מלאכהס פון שטאָט. כאָטש די קבצנים רופן אים „דאָס פאַרדאָסטע נגידל" — האָבן זיי אים ליב און מען באַהעלפט זיך מיט אים גערן. מען זעט גלייך, אַז פענעק — נישט געקוקט אויף זיין אָפּשטאַם — וועט זיין אַ יוצא־דופן. עס ציט אים צום צווייטן צד, צו די אָרעמע און פּראָסטע. אַלע זיינע סימפּאַטיעס זענען אויף זייער זייט, כאָטש ער וואָלט געקאָנט זיין אַ „לייט" ווי אַלע איבעריקע קינדער און געניסן מער־ווייניקער פון די זעלבע פּריווילעגיעס, וואָס זיי. ער, פענעק, וועט דאָס זיין דער רעוואָלוציאָנער.

פענעק איז ביי בערגלסאָנען, אויף וויפל איך האָב קיין טעות נישט, די ערשטע קינדער־געשטאַלט, אַלנפאַלס האָט דאָס קינד אין בערגלסאָנס ביז־איצטיקע ווערק קיין שום ספּעציעל אָרט נישט פאַרנומען. בערגלסאָנס אופן פון באַצייכענען מענטשן איז שטענדיק געווען אַ שאַרף־אַנאַליטישער, דורך־און־דורך קריטישער, כ׳וואָלט געזאָגט: חשדישער. אַדאַנק אויסערלעכער באַוועגונג, נישט־דערזאָגטע רייד, מימיק — האָט בערגלסאָן אַלעמאָל געפּרוּווט *דעמאַסקירן* זיינע העלדן, געבן דאָס, וואָס זיי באַמיען זיך אויסצובאַהאַלטן. בערגלסאָן, ווי אַ קאָנסעקווענטער רעאַליסט און פּלאַסטיקער, זוכט קודם־כל אין דעם מענטש זיין כאַראַקטער, דאָס באַשטענדיקע אין אים, וואָס דריקט זיך אויס און פאַרראַט זיך דורך קלייניקייטן, וועלכע נאָר דער קינסטלער קאָן אויפכאַפּן און אָפּקלייבן. זיינע העלדן זענען דערפאַר אַלעמאָל מענטשן מיט באַזונדערקייטן אפילו דאַן, ווען זיי זענען, אין



תוך גענומען, נישט קיין אָריגינאַלן. גוטע אָדער שלעכטע (טאַקי מער שלעכטע ווי גוטע), שטאַרקע אָדער שוואַכע — קיין פּנימלאָזע מענטשן זענען ביי בערגלסאָנען נישט פאַראַן. דערפאַר האָט בערגלסאָן נישט געקאָנט האָבן קיין מאַסן־שילדערונג, דערפאַר האָט בערגלסאָן קיינמאָל זיך נישט געפלייסט צו באַרעכטיקן די טאַטן פון זיינע העלדן, אָדער זיי צו טאַדלען. אים איז קודם־כל געגאַנגען דערין, ער זאָל *ווייזן* דעם מענטש ווי ער איז שוין פאַרטיקערהייט. דערפון איז ממילא אַרויסגעדרונגען, אַז זיינע העלדן זאָלן זיין מענטשן רייפע, *געוואָרענע*, נישט אַזעלכע, וואָס האַלטן ערשט אין ווערן.

אַ קינד איז נישט קיין כאַראַקטער, כאָטש עס האָט אין זיך וואָרצלען פון כאַראַקטער. עס זענען גאָר נישט בנמצא די „עטלעכע שטריכן", וועלכע זאָלן אונז קענען געבן דאָס פּרצוף פון אַ קינד. אויב דאָס קינד קאָן ווערן אַן אָביעקט פון דעם קינסטלערישן וואָרט — איז עס נאָר אין זיין ווערן, אין זיין וואַקסן, אין זיין כסדרדיקער באַנייאונג, אין זיין עוואָלוציע. אין „זשאַן קריסטאָף", צ. ב. ש., גיט ראָמאַן ראָלאַן בעיקר די אינערלעכע וועלט פון דעם קינד, זיין אינעווייניקסטע דערפאַרונג, יענע שיכטן, וואָס דאַרפן זיך אָנלייגן אין זייער גרויסע סכומים, כדי אין סך־הכל אַרויסצוברענגען אַ כאַראַקטער. אויף וויפל עס איז אים געלונגען — איז אַן אַנדערע פראַגע. ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך אַ מעטאָד: אָנשטאָט אַריינצוקוקן *אין* קינד — לאָזן דאָס קינד אַליין זען. דער שרייבער ווייזט אונז דאַן (דורך דעם קינדס אויגן) די וועלט, וואָס דאָס קינד איז אין איר דערצויגן געוואָרן און וואָס עס האָט איינגעזאַפּט אין זיך. אַזוי האָבן דאָס געטון טאָלסטאָי, גאָרקי. זיי באַנוצן זיך מיט דעם קינדס אויגן ווי מיט ספּעציעל געאייגנטע ברילן, כדי צו ווייזן עפּעס *אויסער* דעם.

אָבער אפילו אין *לעצטן* פאַל טאָר דער שרייבער אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, דורך וואָסערע ברילן ער קוקט. דיזעלבע זאַכן זעט אַנדערש אַ קינד און אַנדערש אַ דערוואַקסענער. זאַכן, וועלכע מיר פאַרזען, וואַרפן זיך דעם קינד שטאַרק אין די אויגן. דאָס, ווידער, וואָס אונז וואַרפט זיך אין די אויגן, קאָן דאָס קינד אינגאַנצן נישט באַמערקן. מען מוז אויך אַ ווײַלע פאַרגעסן ווי אַזוי די זאַכן און זייערע צוזאַמענהאַנגען זעען־אויס *איצט*, און פּרוּוון זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי זיי וואָלטן דערשינען אָן דעם סכום אייגענער און פרעמדער דערפאַרונג, וועלכן מען פאַרמאָגט קעגנוואַרטיק. ווען גאָרקי זאָגט אין „מיין קינדהייט", אַז דער ברעג פון טייך האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק ברויט אָדער אַז די מוטער איז

ענלעך געווען צו אַ פערד, זענען עס מעטאַפאָרעס, וועלכע זענען באַרעכטיקט קודם-כּל דערפאַר, ווייל אַזוי קאָן זיך דאָס אויסווייזן דעם קינד. מען טאָר נישט פאַרגעסן אין די צושטאַנדן פון שטוינונג, שרעק פרייד, וועלכע באַגלייטן יעדע נייע דערשיינונג אינם גייסט פון קינד., קורץ, מען דאַרף זיין אַ קענער פון דעם קינדס נשמה, אויב מען וויל דורכלאָזן זאַכן דורך זיינע אויגן. ווען מ'איז דאָס נישט—זענען די קינדערישע אויגן, וועלכע מען נעמט זיך צו הילף, נאָר אַ שטערונג. דער לייענער פילט יעדע מינוט, אַז הינטער די פיקטיווע קינדערישע אויגן קוקן אַ פּאָר — פון אַ דערוואַקסענעם. די טאָפּלטע ברילן שטערן בלויז און ווירקן, אַז אפילו וואָרט-בילדער, וואָס וואָלטן געווינלעך געדאַרפט איבערצייגן, פאַרלירן אַ גרויסע טייל פון זייער איבערצייגונגס-קראַפט.

לייענענדיק „פענעק" וואַרפט זיך, קודם-כּל, אַמשטאַרקסטן אין די אויגן דאָס, וואָס פענעק, צו זיינע עטלעכע יאָר, זעט זאַכן אַקוראַט אַזוי, ווי בערגלסאָן—ה יי נ ט, אפילו נישט ווי בערגלסאָן מיט עטלעכע יאָר פריער.

פענעק איז אַ יונגל אַ שטיפער, מיט אַ געוואַלדיקן דראַנג צו זיין פריי און גלייכצייטיק מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו באַאָבאַכטונג. דאָס זענען אייגנשאַפטן פון יעדן קינד, אָבער ביי פענעקן זענען זיי געשטייגערט. עס קומט אויך צו דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט. ביי אַזעלכע קינדער איז בונטאַרישקייט זייער נאַטירלעך. אַזעלכע קינדער מאַכן אָפט אַדורך אַ סך אינערלעכע איבערקערענישן. זיי זענען אויך אַ גוט טייג, וואָס פון אים קאָן אויסגעקנעטן ווערן אין דער צוקונפט דער רעוואָלוציאָנער. דער שרייבער האָט די מעגלעכקייט דורך אַזאַ איינעם צו געבן די פסיכאָלאָגישע גענעזע פון רעוואָלוציאָנערישקייט, אירע אָנהויבן. ער קאָן אונז דורך אים דערלויבן אַ קוק-צו-טון אויפן פעלד, וווּ געדאַנקען, געפילן, נייגונגען לייגן זיך צונויף אין די פאַרשידנסטע קאָמבינאַציעס, פון וועלכע עס וועט ש פּ ע ט ע ר געבוירן ווערן די איבערצייגונג. אָבער נעמען אַזאַ פענעקן, אַ קינד פון פרומע עלטערן, וואָס איז דערווייל אַרומגערינגלט מיט בלויז פרומע, און מאַכן פון אים אַ קאָנסעקווענטן מאַרקסיסט, אַ פאַרטיקן רעוואָלוציאָנער, כּמעט אָן וואַקלענישן און „אָפּנויגן"—דאָס איז שוין אַביסל צו-נאַאיוו. עס איז אָבער נאָר אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס אָנשטאָט דעם, אַז בערגלסאָן זאָל זיך צופּאַסן צו פענעקן, צווינגט ער פענעקן, אַז יענער זאָל זיך צופּאַסן צו אים, צום מחבר און זיין איצטיקער גייסטיקער קאָנסטרוקציע. ווי איצט—בערגלסאָן, זעט פענעק פון זיין פריסטער קינד-



הייט אָן בלויז סאָציאַלע אונטערשידן. ער האָט נישט אין זיך קיין שפּור פון קינדערשער פאַרחלומטקייט, עס פעלט אים די חנווּדיקע נאַאיווקייט, ער איז אינגאַנצן פריי פון פּחד, הגם קינדער, בפרט נאָך אַזעלכע, וואָס זענען דערצויגן אין רעליגיעזע הייזער, האָבן צו ליידן פון פּחדים און פון שלעכטע חלומות. ווען מ'קומט אינמיטן דער נאַכט אָנזאָגן פענעקס טאַטן אַ בשורה, אַז זיין איידעם איז געשטאָרבן און דער טאַטע רופט אויס: „ברוך דין אמת", דערציילט אונז בערגלסאָן וועגן פענעקן, אַז ער —

„האָט אויף אים (אויפן טאַטן—י ב.) געקוקט מיט שאַרפע אייגלעך, געפילט עפּעס אַ פאַרנעפּלטע אומרעכט אין אָט די ווערטער, אינעם טאַטן, פון וועמען ער הערט זיי—נאָך וואָס האָט ער זיי איצט געזאָגט?... ער, וואָס חיים (דער איידעם—י. ב.) האָט בלויז געדינט ביי אים, דעם שווער... ביי זיינע גרויסע געשעפטן... נישט ווי קיין שותּף... בלויז אויף שכירות"...

דאָסדאָזיקע טראַכטן וועגן שכירות און שותּפות בעת מ'זאָגט אָן אינמיטן דער נאַכט וועגן עמעצנס טויט, איז אפשר פאַר אַ דערוואַקסענעם נאָך-ווי ס'איז מעגלעך. פאַר אַ קינד איז דאָס לחלוטין נישט אויפן אָרט.

אָבער וואָס ווייטער—אַלץ מער שאַרפט פענעקס אויסגעהאַלטנקייט, זיין גיין אויף אַ גלייכער ליניע אַהין, וווּהין בערגלסאָן וויל אים פירן, זיין איינגעבוירענע אָפּנייגונג פון יעדער מין „רעאַקציע". אָט לאָמיר נעמען די רעליגיעזע זייט. געוויס זענען פאַראַן קינדער אומגלויביקע, צווייפלער, בעל-תאווהניקעס. אָבער אַ קינד אַ קאָנסעקווענטער „בעזבאָזשניק" מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי ס'איז פענעק, איז פאַר יענער צייט און סביבה זיכער נישט כאַראַקטעריסטיש. אַלנפאַלס איבערצייגט אונז נישט בערגלסאָן ז'ערין.

אָט וועלן מיר הערן ווי בערגלסאָן פּראַווועט אַפּיקורסות אין שייכות מיט פענעקן און ווי ער רעדט אין זיין נאָמען.

„ראש-השנה איז דער אָנהויב פון ימים נוראים. לויט ווי פרומע יידן ווילן האָבן, איז גאָט דאַן ביז גאַר צערייצט.

פענעק, ווען מען פרעגט אים אַ דעה, וואָלט ער מיט פאַרגעניגן געענטפערט:

— מוחל... מוחל דעם יום-טוב.

ווייל ימים נוראים—אַזוי ווילן פרומע יידן האָבן—איז דאָ אין שטאָט פּשוט אַ צוויי-וואָכנדיקע מלחמה צווישן מענטשן און גאָט: אָטס בייזע געפילן רינגלען אַרום דעם מענטש פון אַלע זייטן, פייפן

צוויי וואָכן כסדר אין די אוירן—אָט־אָט וועלן זיי זיך איינשטעקן אין לייב און דער מענטש צאַפּלט, נעבעך, אין גרויס פּחד, באַשיצט זיך בלויז מיט איין מיטל, מיט איינרעדן גאָט, אַז ער איז זייער אַ טייערער. אַ ווױלער. אַ ליבער.״

און אַז ס׳קומט צו די ראש־השנהדיקע תּפילות: „לאל עורך דין״ „ונתנה תּוקף״, „האוחז ביד״, האָט פּענעק, „טיף אין זיך, צו זיי אַ געפיל:

זיי זענען פול מיט חניפה...

ער מאַכט וועגן דעם אַ שוויג, ווייל פּשוט—אויב עמעצער האַלט, אַז מיט חניפה קאָן ער דעם בייזן גאָט ווייכער מאַכן און זיך ראַטעווען, וועט ער, פּענעק, אים נישט גיין מסרן״.

ערב ראש השנה פאַרנאַכט טראַכט פּענעק:

„אַך יאָ, ווי מענטשן ווילן דאָס איינרעדן גאָט, אַז ער האָט מסוכּן הנאה, ווען מע עסט אום ראש־השנה צעזעצטערהייט. פּענעק מיינט. ס׳אַליגן—פרומע זאָגן: גאָט האָט הנאה ווען מ׳פאַסט אום יום־כּיפּור—ווי עס לוינט זיי, אַזוי זאָגן זיי״.

בין־השמשות. פּענעק לויפט אַהיים און זעט ווי יאַנקל דער פורמאַן איז אויסגעפּוצט לכּבוד יום־טוב—

אָבער דאָ האָט זיך בערגלסאָן דערמאָנט, אַז יאַנקל איז אַ פּראָלעטאַריער, און ער גיט גלייך צו:

„כאָטש ער האָט מסוכּן פיינט אַלע פרומע ימים־טובים, דאָך—אַז מע קאָן זיך אָפּרוען אַ פּאָר טעג, איז פאַרוואָס דען נישט?״...

אָדער אַן אָפּזאָץ וואָס הויבט זיך אָן בזה הלשון:

„ס׳איז פרומאַקישער יום־טוב אינדערפרי״.

דאָס, זאָל בערגלסאָן מוחל זיין, איז שוין געשמאַקלאָזיקייט.

צום קראַנקן פאָטער האָט פּענעק שטילערהייט שטיקלעך סימפּאַטיעס, אָבער טאַקע דעם זעלבן ראש־השנה ווערט ער צו אים שטאַרק קאַלט. צוליב יענעמס „קלעריקאַלע״ נייגונגען:

„און מיט אַ ריינעם געוויסן דערפילט ער, אַז ער איז קאַלט צום פאָטערס שטיין אויף די פיס און צו די טרערן, וואָס יענער ביים דאַווענען האַלט אין איין גיסן:

— אייסעך... זאָל ער וויינען.״

און ווייטער אַביסל:

„זיי אויף צו־להכעיס וואָלט פּענעק אַ בעלן געווען צו טון דאָ אויפן אָרט עפּעס אַ פיינע ראש־השנהדיקע עבירה—ממש ער פילט, ווי עס וואָלט אים דערפון פריי געוואָרן אויף דער נשמה״...



ערב יום־כּפּור קומט צו פאָרן אַ פּויער און ברענגט אין „הויז״ אַריין עטלעכע זעקלעך מעל. פּענעק פאַרליבט זיך אַזוי אין דעם גוי, אַז:

„פּענעק, אַז ער קומט אַריין צו מנחה אין בית־מדרש, מאָלט ער זיך אויס: דאָס איז אַריינגעקומען נישט ער, פּענעק, נאָר דער גוי״.

און ווייטער:

„פּענעקן דאַכט זיך, ס׳איז נאָך גוט, וואָס דער גוי זעט עס נישט (ווי יידן וואַרפן זיך צו דער ערד,—י. ב.). סע וואָלט געווען אַ בושה און אַ חרפּה.

אַ ביזע־בזיון...

פּענעקס געפיל: ווי אַ גאַנצן ערב יום־כּפּור וואָלט דער גוי געזעסן אין אים ממש אינעווייניק״...

אָדער אַזאַ מין פאַר־כּל־נדרי־בילד:

„מע פראַלט אויף די טיר פון אַ שאַנק, וואָס מע רופט ארון־קודש. אין טלית און אין קיטל האָט יהושע פריידעס—דער גרייז־גרויער, מיט צרות־באַוואַקסענער—ווי אומיסטן צו־שטאַרק אַ צי־געטון צו זיך דאָס שנירל פונם צווייטן פּרכת, פאַרצויגן און אַ קוק־געטון אַרום זיך מיט הוצפה, ווי נאָכן פאַרהייבן ביי אַ יידענע דאָס קליידל...״.

מען וואָלט געקאָנט ברענגען אַזעלכע ציטאַטן נישט נאָר אין די צענדליקער, נאָר אין די הונדערטער. דאָס גאַנצע בוך שווימלט און גריבלט מיט אַזעלכע קוריאָזן. אַלע שטאַמען זיי פון איין הויפּט־קוריאָז:

בערגלסאָן האָט נישט קיין צייט געהאַט צו וואַרטן, ביז פּענעק וועט אויפוואַקסן, זען אַ וועלט, פאַרשטיין וואָס ס׳זענען אַזוינס קלאַסן און וואָס—אידעאָלאָגיע פון קלאַסן. בערגלסאָן האָט מיט געוואַלד געוואָלט מאַכן אים שוין אין דער פריסטער יוגנט פאַר אַ מין פאָרבאָלשעוויק, פאַר אַ יעווסעק אין מיניאַטור, און ער האָט זיך נישט גערעכנט נישט מיט קיין סביבה, נישט מיט קיין אומשטענדן, נישט מיט קיין צייט—אַלץ באַדינגונגען, וואָס עס מוז זיך מיט זיי שטאַרק רעכענען אַ שרייבער, בפרט נאָך אַזעלכער, וואָס דענקט מאַרקסיסטיש און ווייסט, אַז פון הימל פאַלן קיין אידעען נישט אַראָפּ. מאָדנע גוזמאדיק ווירקט אויך פּענעקס ליבע צו די בעל־מלאכהס. מען קאָן פאַרשטיין, אַז אַ נגידיש יונגל, וואָס פילט זיך נישט גוט אין דער היים, זאָל זיך דערנענטערן צום פּראָסטן עולם. אָבער ביי פּענעקן דערגייט עס צו מסירת־נפש. ער לויפט צו די שניידערס פרעסן, ער

שאַנצט-צו דעם מאָלער אַרבעט: ער גנבעט פּאַר זיי פון דער פּושקע. ער גייט ממש אויס פאַר שמידן און בלעכערס. צופעליק זעט פּענעק ווי זיינס אַ געוועזענער חבר פון חדר גלייכט אויס אַ צעקנייטשטע בלעך און תיכּף אַנטשטייען אין אים פאָלגנדיקע סאָציאַלע אַסאָציאַציעס:

„פּענעק, נישט ער פאַרשטייט עס — ער פילט עס: אַ צעקנייטשטע בלעך דאָס מענטשלעכע לעבן דאָ אין שטאָט. אַ געפלאָנטער פון מענטשן-בערגלעך און מעגטשן-טאָלעכלעך; צום ביישפּיל נחמן — אַ טאָלעכל".

דאָס בוך ענדיקט זיך מיטן טויט פון פּענעקס פאָטער, ר'מיכאל לעווין. בערגלסאָן לאָזט פּענעקן קוקן סיי אויף דער קראַנקהייט סיי אויפן טויט פון זיין פאָטער — אַלץ דורך די „סאָציאַלע" ברילן:

„אַ גרויסער עולם האָט נישט געזשאַלעוועט די כּוחות אויף נאָכצוגיין אַ שווערן צופוס — געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן ווי מע לייגט אַריין אַ גביר אין דער ערד אַריין, מע באַגראָבט אים טאַקע ממש — און צווישן עולם אויף אַ געשפּאַנטן פאַעטאָן פאָרן די מוטער מיט די קינדער. אויף די קאָזלעס לעבן יאַנקל דעם פורמאַן זיצט פּענעק און עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט הלמאי צווישן די יונגלעך וואָס לויפן נאָך איןביידע זייטן פאַעטאָן, לויפט אויך ברוך נחמנס דער פאַרבער".

עס פּאַסט, הייסט עס, נישט, אַז ברוך דער פּראָלעטאַריער זאָל זיין אַזוי נאַריש — קיין אַנדערע זאָרגן האָט נישט דער זון בשעת ער באַלייט דעם טאַטן צום קבר.

און דאַן פּענעקס „געפילן" אויפן בית-עולם:

„דאָס פּעדערל, וואָס האָט זיך קיין ריר נישט געטון לעבן פּאַטערס נאָז — אַ לעבעדיקס אַזאַ! פּענעק קען עס נישט פאַרגעסן אפילו אויפן בית-עולם. זאָל עס זיין אַן עברה — פאַרפאַלן. אין האַרצן אי ער דעם פּעדערלס אַ פריינט, כּמעט אַ חבר.

אַרום שטייט אַן עולם אָרימעלייט, קוקט מיט קאַלטן גלייווער:

פרומע פאַרמעגלעכע יידן לאָזן אַראָפּ אין קבר גבירישע זעקס הונדערט און דרייצן מצוות..."

אַ יונגל פון דרייצן יאָר זאָל זיין אַזש אַ פריינט און אַ חבר פון דעם פּעדערל, וועלכעס מען האָט צוגעלייגט צו זיין טאַטנס נאָז, כּדי זיך איבערצוצייגן, צי ער עטעמט נאָך — דאָס איז שוין ציניזם און דער סייכל ווייסט וואָס. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס פון יעדן שטאַנדפּונקט איז עפּעס אַזוינס דורכאויס פאַלש.

וואָלטן אין דעם בוך נישט געווען אויך צענדליקער זייטלעך,



וואָס דערמאָנען אין די בעסטע זאַכן בערגלסאָנס, וואָלט מען לייכט געקאָנט אויסגעפינען דעם נאָמען, מיט וועלכן אַזאַ מין שרייבן דאַרף באַצייכנט ווערן. אָבער אין איצטיקן פאַל גייט עס נישט בלויז אין דער קוואַליפיצירונג. מען זעט קלאָר: בערגלסאָן האָט אין זיין בוך זיך צוגעפּאַסט צו אַלערליי אַלט-און-פריש-געבאַקענע טעאָריעס פון די יידיש-סאָוויעטישע קריטיקער, כּדי אַזוי-אַרום ענדלעך צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנערער שרייבער. ער האָט אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ (דעם קינסטלערישן) און נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען. דעם אמת געזאָגט, ווירקט בערגלסאָן אין זיינע פריערדיקע ווערק אָפּט אַ סך רעוואָלוציאָנערער ווי אין „פּענעק", וואו ער איז ווי געפּענטעט און מוז אָפּט מאַכן פון זיך אַליין אַ קאַריקאַטור. עס איז שווער צו וויסן צי יענע סאָוויעטיש-יידישע קריטיקער, וועמענס רעצעפּטן בערגלסאָן האָט איבערגענומען, וועלן שוין ענדלעך זיין צופרידן. פאַר דעם לייענער, וואָס האָט אַלעמאָל געשעצט אין בערגלסאָנען זיין געפיל פאַר מאָס, איז דאָס איצטיקע בוך — אינגאַנצן גענומען — אַן אַנטוישונג.

לאָמיר האָפן, אַז אין די ווייטערדיקע בענדער וועט בערגלסאָן זיין מער טריי זיך אַליין און זיין שאַפן, ווי ער איז עס אין זיין ערשטן באַנד.

י. באַשעוויס

טיוו קאָן אפילו לגמרי נישט שטיין אין פאַרהעלטעניש צו דער סוביעקטיווער רעאַקציע. וואָרום עס גייט נישט דערין, ווי די וועלט קוקט אויס אין דרויסן — ווי זי קוקט אויס אַלס רעאַלע עקזיסטענץ. דער עיקר איז דאָס אינערלעכע, דאָס סוביעקטיווע זיך פילן אין דער וועלט. „די וועלט אַלס פאָרשטעלונג". צי עס פרייט זיך דער מענטש מיט דער וועלט, צי עס ליידט דער מענטש פון דער וועלט — עס איז נישט קיין חילוק, וואָסער אויסערלעכער סיבה עס האָט דאָ צוגעטאָן איר האַנט: צי ווירקלעכקייט, צי מיראַזש, נאַראָנים-שפּיצל אָדער מיספאַרשטענדעניש. די גאַנצע אָביעקטיווע וועלט איז נישט מער ווי דער טריבער אָדער הייטערער שפּיגל פון אַ סוביעקטיוו וועלט'געפיל.

(סוף קומט)

**י. י. טרונק**

(גלאָבוס נומ׳ 15 (סעפט 1933))



# תיקון-טעות

דעם ארטיקל פון י.־ב. „אייגן לשון" זענען אריין פאָלגנדיקע פאַרדריסלעכע טעותים, וועלכע מיר בעטן אויסצובעסערן פאַרן לייענען:

שורה 16 פון אויבן אראָפּ. אַנשטאָט: אין זיין איינפיר — דאַרף זיין: אין זיין ...

שורה 6 פון אויבן אראָפּ. אַנשטאָט: און קרבן, ד. ז. און אַ קרבן.

" 13 " " " : פראַאַבותתום, ד. ז. פראַאבותטום.

" 23 ד. ז. רחלעס אינטים לעבן איז א. א. וו.

" 17 אַנשטאָט: פארגאַנגענהייט, ד. ז.: פאָרפאַרגאַנגענהייט.

" 8 " : דערווייל זיך, ד. ז.: דערווייל צוגעהערט זיך.

" 8 " : צוגיין צו מיר, דאַרף זיין: צוגיין צו איר.

דעם דאַרף דער טיטל: אייגן לשון — געגעבן ווערן אין גענזנפיסלעך (ווי אַ ציטאַט).

# אייגן לשון

וואָס פאַראַ טענות קאָן מען האָבן צו אַ מענטש, וואָס קאָן נישט שרייבן און — שרייבט פאָרט? איז דען ערגיץ פאַרטאָן אַ פאַרבאָט, אַז מ'טאָר נישט קאַליע מאַכן קיין טינט?... פונדעסטוועגן, ווען גראַפאָמאַניע ווערט אַזש אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט, ווי דאָס איז, לײַדער, געוואָרן די לעצטע יאָרן אויף יידיש, הויבט אָן די זאַך צו ווערן היפּש אומאָנגענעם. פון וואַנען קומט אָט דער טונקעלער דראַנג? וווהין פירט ער? און ווי אַזוי וועט אַרויס פון דער דאָזיקער עפּידעמיע דער יונגער שוואַכער אָרגאַניזם, וואָס רופט זיך: יידישע ליטעראַטור? האָט ער גענוג ווייסע בלוט-קייקעלעך זיך צו ווערן קעגן דעם מיקראָב און פאַראַזיט? אָדער וועט ער נישט אויסהאַלטן און אומקומען?

אין אַזעלכע שטימונגען פאַלט מען, צום באַדויערן, אַריין ביים לייענען דאָס בוך פון ל. טרייסטער „אין שטילע טעג" (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", 1933).

דער שרייבער פון די שורות איז געווויס צוגעגאַנגען צו דעם בוך אָן פאָראורטיילן. פאַרקערט, די הקדמה פון י. אָפּאַטאָשו און זיין פאַרזיכערונג, אַז „אין דער יידישער ליטעראַטור, וווּ מ'קאָן גוטע פּראָזאַיקער ציילן אויף די פינגער, איז צוגעקומען נאָך אַ שרייבער", ווירקן מ'זאָל לייענען דאָס בוך מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. גוטע פּראָזע ווערט, איבעריקנס, ביי אונז אַזוי זעלטן

ל. טרייסטער devastating review of

געשריבן, אַז ס'בענקט זיך שוין פשוט נאָך אַ פריש וואָרט. צוליב דעם טאַקע לעבט מען אַזוי שווער איבער די אַ נ ט ו י ש ו נ ג, וועלכע וואַקסט ביים לייענען ל. טרייסטערס בוך פון בלעטל צו בלעטל. און ווען מען ענדעקט בלייבט אַ ביטערער נאָך־טעם. שוין ושע -- ווילט זיך פרעגן — האַלט עס באמת אַזוי שלעכט מיט אונזער יידישער ליטעראַטור? שוין־ושע איז טאַקע אָפּגעווישט געוואָרן ביי אונז יעדע גרעניץ צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן טאַלענט און טאַלענטלאָזיקייט?

ווייל ל. טרייסטערס „אין שטילע טעג" איז דורך־און־דורך ג ע ש מ אַ ק ל אָ ז און ע פּ ־ ה אַ ר צ י ש. מיר נעמען אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אָט־די ווערטער. מיר האַלטן עס אויך פאַר אַ חוב דאָס צו זאָגן, ווייל דערקלערן, אַז טרייסטער האָט פּאַקטיש עפּעס געשאַפן און אַז ער „האָט זיין אייגן לשון. דאָס איז אַ גרויסע מעלה" (אין אָפּאַטאָשוס הקדמה) — הייסט: אַריינפירן דעם לייענער אין אַ טעות. ס'איז קלאָר, אַז אָפּאַטאָשו האָט דאָס נישט געוואָלט. אין זיין איינפיר אויסצוגעפינען אַן אמתן טאַלענט האָט אָפּאַטאָשו זיך צוגעאיילט און — פאַרוואַנדלט די פויערטע אין דער טרינצעסן דולצינעאַ...

און איצט — צום בוך גופא.

מיר הויבן אָן מיט דעם אינהאַלט. ל. טרייסטער האָט זיך באַמיט צו געבן אַ סאָציאַלע טעמע. אַרויסגעקומען איז, אָבער — ווי אַלעמאָל ביי נישט באַרופענע — אַ קאַריקאַטור. שמעון, אַ רייכער רימער אין אַ פוילישער שטאָט, צייכנט זיך אויס מיט זיין רשעות און אכזריות, וואָס האָט גאָר קיין שיעור נישט. „היפּש ווייט פון האַלבנאַכט און אויכעט היפּש ווייט פון פרימאָרגן" הויבט ער זיך אויף, וועקט זיינע געזעלן און שלאָגט זיי („האָט אויפגעהויבן אַ פוס און גענומען אין־זיי אַריינוואַלצעווען: בוך בבו־ך"). ווייב און קינדער טעראָריזירט ער. דעם אָרימען זון, מאַרקלען, פאַרפאָלגט ער, ווייל ער פאַרנעמט זיך אויך מיט רימעריי. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. כדי זיך אין אים נוקם צו זיין, פאַרשליסט ער פאַר אים דאָס אָפּטריט. מאַרקל האָט אָבער אַ יינגל אַ „שלשולדיקן קריפּל". קומט דעריבער מאַרקל בעטן דעם טאַטן רחמים: „די קינדער זענען אינגאַנצן נאַקעט, טאַטע... ס'ווייב נישט געזונט זייער. מאַך מיך נישט צו האָבן צו טון מיט דאָקטוירים. טאַטע... עפן דעם אָפּטריט, טאַטע"... אָבער שמעון דער רשע מרושע איז אים נאָך מכבד מיט קלעפּ. דער סוף איז, אַז דער „שלשולדיקער קריפּל" פאַרקילט זיך און שטאַרבט. („ער האָט גורם געווען דערצו, מחמת ער האָט פאַרמאַכט דעם אָפּטריט און דאָס יינגל, סוענדיק „דאָסדאָזיקע" איינדרויסן האָט זיך צוקילט און –"). ווען שמעון פאָרט צום פריץ אַ קוק צו געבן צו זיינע אַרבעטער, וואָס פאַרריכטן דאָרטן זאָטלען, שלאָגט



ער זיי מיט אַ פערד־געשפאַן און רייצט אויך אָן דעם עקאָנאָם ער זאָל שמייסן אַ „פּאַראָבעק". צוויי פון זיינע יינגען שיקט ער אַוועק בעת אַ פּראָסט אין אַ דאָרף און זיי ווערן געפרוירן. קורץ, שמעון איז אַ שוואַרצער כאַראַקטער, לויט אַלע כללים. אָבער היות דאָס שלעכטע מוז סוף־כל־סוף באַשטראָפט ווערן, רופן אויס די גויים אַ באָיקאָט אויף יידן און קרבן פון דעם באָיקאָט פאַלט שמעון, „דער פּופּציק יעריקער מחבל", ווי ל. טרייסטער רופט אַליין אָן זיין העלד. דער טויט פון דעם „שלשולדיקן קריפּל" און דער באָיקאָט מאַכן שמעון'ען פאַר אַ בעל־תשובה: „עס איז, דאַכט זיך (!), אין אים געבוירן געוואָרן אַ נייער מענטש, אַ נייער שמעון"....

שוין פון דעם ספור המעשה אַליין איז זיך לייכט אָנצושטויסן, אַז די מענטשן קומען אַרויס ביי ל. טרייסטערן איבערגעטריבן, נישט נאַטירלעך. טרייסטער וויל זיין אַ „נאַטוראַליסט". ער פאַרפעלט נישט, למשל, צו דערציילן, אַז שמעון „איז אַרויס אינדרויסן הינטער דער הויז־וואַנט אַ ויסצומכינען זיך"... ער לאָזט אונז אפילו באַלד הערן, אַז „שמעון האָט פאַרקנעפּלט די הויזן"... דערפאַר דאָרטן, וווּ מען דאַרף האָבן אַ בילד פון אַ מענטש, קומט ער אָפּ מיט פוסטע ווערטער, וואָס זאָגן גאָרנישט. „פּערל מיט איר קיינמאָל ליכטיקן פנים" — דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן שמעונ'ס ווייב. ווען דער אויטאָר וויל שילדערן אַ גאַס, זאָגט ער: די גאַס ציט זיך דאָ אַדורך ווי געהרגעט: אַרויף און אַראָפּ, און שווייגט אויך תמיד אַזוי: אַרויף און אַראָפּ". אָדער: „די געדיכט באַברעמטע גרויסע אויגן האָבן זיך ביי אים געוואָרפן ווי קליינע אייניקלעך"; „בלויז זיינע צוויי אומרויקע אייניקלעך, די געדיכט באַברעמטע אויגן"... די דאָזיקע „הכמות" חזרט איבער טרייסטער אַ סך מאָל (מסתמא שטאַרקער צו מאַכן דעם איינדרוק...). ווען מ'לייגט פאַר שמעונען, ער זאָל געבן אַ נדבה, שילדערט עס דער מחבר אַזוי:

„שמעון האָט, ווי איבערגעשראָקן, אַ צי געטון מיטן קאָפּ און געבליבן קוקן ווי „משה רבנו", אָן שום איבעריקער שנוי, אַ חוץ דער, וואָס האָט אַרויסגעבערענט פון „זיינע אומבאַוועגלעכע אויגן: — וואָס ווילסטו האָבן פון מיער?..."

וואָס דער מחבר מיינט מיט דעם פאַרגלייך „בלייבן קוקן ווי „משה רבנו" און דערצו נאָך ווי אַ „משה רבנו" אין גענזנפיסלעך — דאָס בלייבט זיין פּריוואַטער סוד.

בעת צוויי ווייבער טענהן זיך אויס פאַרן „סטראַזשניק", דערציילט אונז וועגן דעם ל. טרייסטער בזה הלשון:

„ביידנס טענות זייערע פאַרגינט ער זיינע גאָרנישט ענטפערנדיקע פלייצעס, און בעת ער איז „פאַרנומען", קנייטשט זיך זיין הינטן, ווי מיט „נאַפּליעוואַט", אַמאָל צו „דער", אַמאָל צו „יענער"...

ווידער אונזין און ווידער געגזנפיסלעך...

שמעון גרייט זיך אָוועקצופאָרן און ל. טרייסטער „מאָלט" ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען:

„שמעון איז געווען וואַרעם אַרומגעהילט. דאָס פּנים — נישט מרה-שחורה'דיק. די אויגן — ווי אויסגעוואַשן, אָבער אויך עפּעס ווי שווער פינטלדיק".

שוין איינמאָל אַ בילד: „דאָס פּנים — נ י ש ט מרה-שחורה'דיק..:

ווי זינגט דאָרטן דאָס לידל: „די ליכטיקע לבנה — זי שיינט דאָך נישט"...

און ערגיץ אַנדערש:

„דער באַלעבאָס, זעט ער, האַלט אַ בייטש אין האַנט און פירט נישט (!) אַ פערד פון יאַריד. ער קוקט אויס בייזער עפּעס ווי תמיד, און זי, די גויע, די באַלעבאָסטע גייט לעבן אים, דעם מאַן, פירט נישט (!) קיין חזיר א. א. וו.

ווען שמעון שיקט זיינע ייִנגען בעתן פראָסט אין דאָרף אַריין, גיט אונז ל. טרייסטער איבער:

„שיִע „מת" ווערט נאָך טויטער, און פון איינגעדאַרטן בערדל, דאַכט זיך, נעמען די איבעריקע רעשטלעך פלייש — איינס צוויי פון די ביינער אַרונטערפאַלן".

פון וואַנען האָבן זיך עס גענומען אין דעם „איינגעדאַרטן בערדל" רעשטלעך פלייש? און ווי האָבן זיך גענומען צום בערדל ביינער?

און אָט ווי ל. טרייסטער הערט קלאַנגען:

„ער אַליין, שמעון, טוט פלוצים אַ קום צוריק אין דער טיר אַריין, טוט פון אויבן ביז אַראָפּ אַ מריטש אויף הינטער זיך א. א. וו.

ווי אַזוי טוט מען דאָס אַ מריטש פ ו ן א ו י ב ן ב י ז אַ ר אָ פּ א ו י ף ה י נ ט ע ר ז י ך?...

„בלויז דער גבורהשער „באָך" לויפט איבער די שטובן און פרעגט נישט נאָך קיינעם. טוט זיך אויד נישט אפילו קיין קוק אום".

„אין די שטובן בלייבט בלויז אַ מורא'דיקער טייל פון זיין איינגענומענעם שטומעניש".

דער „באָך" קוקט זיך נישט אום... און אין די שטובן בלייבט אַ „מוראדיקער טייל פון זיין איינגענומענעם שטומעניש"... אפילו יענע, וואָס ווילן טיילן דעם עלעקטראָן, וואָלטן קיינמאָל נישט געחלומט, אַז מ'וועט קאָנען טיילן אויך „איינגענומענע שטומעניש" און דערצו נאָך אויף... מוראדיקע טיילן...

„נאָכדעם איז עפּעס געוואָרן שטיל אינעווייניק, און אַ גרויסער חלק דערפון איז, דאַכט זיך, געבליבן שטיין נישט



אַהין, נישט אַהער, — גלייכגילטיק צום צורוימען דאָרט, אין דער שלאָף-שטוב, און גלייכצייטיק צו די יונגענס כראָפּן דאָ..." אַלזאָ, נישט בלויז שטומעניש טיילט זיך, נאָר אויך שטילקייט. „אַ גרויסער חלק דערפון"... אגב איז דער זאַץ אָנגעשריבן אָן העגט און אָן פיס.

„בעתן אָפּנהאַלטן די אויגן, איז ער אויך, קאַפּקע, געלעגן פריער אָן אַ ריר. ער האָט זיך נישט גערירט, א חוץ מחמת זיין פאַרנומען געמיטל.

אויב „בעת" איז דאָך נישט „פריער"... היינט דאָס „פאַרנומענע געמיטל" פאַסט אַהער, ווי דער „מחמת" צום „אַ חוץ" און דער „אַ חוץ" צום „מחמת".

און אָט איז אַ ביסל ליבע-„פּאָעזיע":

„שלמה זיצט איצטער, ווי איבער דער גאַנצער צייט — שטיל, פאַרקוקט ווי אַ גולם, וואָס האָט אויערן און הערט נישט... און זי, חוה, מיט דער אָדלער נאָז קוקט אויף אים און צעשווימט ווי אין העלע פייער-שטראַלן"...

דאָ נייט שוין נישט אַזוי אין דעם לשון ווי אין דער „דיכטונג"...

אָדער אַ ביסל „מיסטיק":

עס איז געווען די זעלביקע נאַכט, קרוב צו מיטנאַכט. ווען „שדים קריכן אַרויס פון די באַהעלטעניש" און באַהערשן די וועלט"... ווען באַהעפטנדיקע גלוסטעניש ווערן גלוסטנדיקע... ווען מחשבותן וואַרעמען זיך אויס (!), און ס'ווערן געגרייט פלענער... ווען די מחלוקה אין מענטש וועגן גוט און שלעכט, יושר און אומרעכט — ווערט ערלעכער, דין וחשבונדיקער". —

אפשר קאָן עמיץ דערקלערן ווי אַזוי „באַהעפטנדיקע גלוסטעניש" ווערן אויף אַ נאָווינע „גלוסטנדיקע"? און וואָס עס איז אייבערהויפּט באַהעפטנדיקע גלוסטעניש? און וואָס פאַר אַ זין האָט בכלל אָט-די וויסטע פלוידעריי?

צו אַלע צרות לאָזט טרייסטער זיינע העלדן רעדן אין דיאַלעקט. אָבער פאַר איינוועגס רעדט שוין דער מחבר אַליין אויך אַזוי... אָפילו די שאַטנס זאָגן: „אונז" אָנשטאָט „מיר".

„די דאָזיקע שאָטנס האָבן, דאַכט זיך, צווישן זיך געשושעט (געשושקעט?) און געכיכיקעט: זאָלן זיי זיך איילן, די בעלי-מלאכות:.. אונז האָבן נישט וואָס צו פאַרשפּעטיקן"...

• •
•

אַ בינטל פון ל. טרייסטערס אויסדרוקן:

„חובצדיקע ווערטער״; „מסכימדיקע ווערטער״; „מנחם זיין זיך״ (זיך טרייסטן); „געצאַרכטער שטיין״; „אַ צורכדיקס״ (פון לשון צורך, צרכים...); „כּנסתדיקער יוד״; „המנדיקער קאָפּ״; „נייט מיט געניייט״ (נייט געצוואונגענהייט). דעם דאָזיקן אידיאָטישן ווערטער־שפּיל חזרט איבער דער מחבר אָן אויפהער. מ׳זעט, אַז ער האַלט אים ממש פאַר אַן אוצר); „ער קוקט עפּעס אַ שטיל חבלי־לדהדי־קער״; „ריכט אָפּ תשעה באב״ (אָנשטאָט: ריכט־אָפּ קינות. קיין תשעה באב קאָן מען נישט אָפּריכטן); דער טאַטע איז: „ערגער ווי די וואַנט״; „מאַכסט יענעם באַקרענקען און באַקרענקסט אַליין אויך״; דער „פילהייזער־אייגנטימער״; „זון־שאָטן״; „איבערחזרן די עצה״; „חזרט זיך די דאָזיקע זיכערקייט גוט איין״ (ווי אַזוי קאָן מען עפּעס איבערחזרן העצה און איינחזרן זיכערקייט?) „פּראָאבותטום״ (דאָס וואָרט האָט אַ טעם פון קובעבע, איבערהויפּט אין אַ דערציי־לונג); „דודל טוט זיך אַ ריינעם הויב אויף״; דער פּאַליציאַנט גייט ביי ל. טרייסטערן באַוואָטנט מיט אַלע הצטרכותן״... אָט גיט דער מחבר מיט איינמאָל אַ זאָג:

„דער הינטערשלאַק פון רחלס טאָכטער: האָט אַ מאַן אין אַמעריקא, וואוינט מיט דריי קינדער ביי דער מוטער א. א. וו.

ווי אַזוי קאָן עפּעס דער „הינטערשלאַק פון רחלס טאָכטער״ האָבן אַ מאַן אין אַמעריקאַ?... ל. טרייסטער מיינט צו זאָגן: רחלעס אינטים לעבן: מיט אַזעלכע הינטערשלעק און שלעק שוויבלט און גריבלט ממש אין טרייסטערס ראָמאַן.

און איצטער ווילן מיר זעען ווי ל. טרייסטער בויט זאַצן.

„ער, מאַרקל, האָט איינגעבויגענערהייט און מיט זייער וויניק הנאה פון זיך גענומען קוקן אויף אים, אויפן רעדנדיקן באָזשען, נאָכדעם אויפן פולן זעקל, וואָס דער לעדער־סוחר רעדט איצטער וועגן דעם, אַז „דאָס חפצל אינעווייניק אין זעקל איז ממש אַ זיידן חפצל און גרינג ווי אַ טויב״, נאָכ־דעם, נאָכדעם האָט ער, מאַרקל ווי שוין צוגעוואוינט צו נישט אמתדיקע רייד, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די אויגן איבערן בעזימל, ווי גלייך ער וואָלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און אין דער דאָזיקער ווײַלע — גאָרנישט געטון: סיי דאָס, נישט געהערט מער באָזשעס נאָכאַמאָל — איבערגעחזרטע רייד וועגן „זיידענעם חפצל און גרינג ווי אַ טויב״ און סיי נישט געשאַרט דערווייל ווידער דעם שניי״.

ווי אונגלויבלעך דאָס זאָל נישט אויסקומען, מוז מען קאָנסטאַ־טירן, אַז אַזאַ מין „זאַץ״ ביי טרייסטערן געהער שוין צו די בע־סערע...



„שמע ישראל! טוט ער מכלומרשט אַ געשריי הויך, נישט אַנדערש טאַקי ווי מכלומרשט, ווייל ער קוקט זיך אַרום און לופּטערט מיט דער גראָבער נאָז ווי אַ געזונטער בער... נאָכדעם ליגט ער עפּעס אַ ביסל, דאַכט זיך, ווי אַ וואָלפּיש — טויט..׳ און בעת ער ליגט אַזוי מיט דעם מכלומרשטן טויט פון אויבן (!) נעמט ער עפּעס פון אונטן, אונטער זיך, אונ־טערן בויך, גיך אַריינפּאַקן דאָס גרויסע „מעשהלע״, דעם פריער אויסגעפּונענעם שטיין אין זעקל אַריין און טראַכט בעת דעם צי „דאָס איזיס... ס׳איז גאָר טוב... ס׳עט האָבן היפּשע וואָג...״

אַלזאָ: ער שרייט שמע ישראל־ ער ליגט „עפּעס אַ ביסל, דאַכט זיך, (דער „דאַכט זיך״ איז ווערט מיליאָנען!) ווי אַ וואָלפּיש— טויט״ „און בעת ער ליגט אַזוי מיט דעם מכלומרשטן טויט פון אויבן״ — פּאַקט ער אַריין דאָס „גרויסע מעשהלע״...

מיינען מיינט דער „שריפטשטעלער״, אַז: באָזשע האָט זיך גע־מאַכט פאַלנדיק און בשעת ר׳איז געלעגן אויף דער ערד, כלומרשט טויט, האָט ער אַריינגעשמוגלט אַ שטיין אין זעקל מיט לעדער, כדי עס זאָל מער וועגן. אָבער וואו נעמט מען אַ רש״י, וואָס זאָל כסדר אויסטייטשן ל. טרייסטערס „טיפע געדאַנקען״?

„און זי, בלימע, און ער, שלמה, האָבן נאָך נאָכדעם גענומען רעדן, אָבער דאָס רעדן איז שוין נישט געווען אַזוי פּינקטלעך און ברייטלעך ווי פריער, נאָר וועגן קלענערע קליי־ניקייטן און אויך מיט וויניקער היץ״.

קודם־כּל קאָן מען נישט זאָגן „נאָך נאָכדעם״, צווייטנס קאָן מען נישט רעדן פּינקטלעך, דריטנס האָט נישט קיין טעם אַזאַ אויסדרוק ווי „קלענערע קלייניקייטן״ און פערטנס „איז דער איבער־גאַנג צווישן „ברייטלעך״ און „נאָר״ — אַן אוממעגלעכער. ווייל מיט די ווערטער „פּינקטלעך און ברייטלעך״ באַצייכנט דאָך דער מחבר ווי אַזוי „זיי האָבן גערעדט״, און מיט די ווערטער „נאָר וועגן קלענערע קלייניקייטן״ דערקלערט ער וועגן וואָס זיי האָבן גע־רעדט. עס איז אַזוי, ווי עמיץ זאָל זאָגן: „דער חזן האָט נישט געזונגען שיין, נאָר ונתנה תוקף״... אַ מענטש, וואָס שרייבט ביכער, דאַרף דאָס אויב נישט וויסן, איז על־כּל־פּנים פילן.

ל. טרייסטער איז אָפּער טויב, ווי די וואַנט.

„מאַרקל ליגט אויף אַ זייט און טראַכט: וואָס איז דאָס דאָזיקע, וואָס ליגט אין מענטש און האָט אַ קאַלטע נאַטור ביים טרעטן דעם, וואָס לאָזט זיך באַגנוגן נישט צו זיין שטאַרק?״.

שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס דער „געדאַנק״ גופא איז מתוק מזפת, פרעגט זיך נאָך: ווער האָט די קאַלטע נאַטור?

„דאָס דאַזיקע”, וואָס ליגט אין מענטש? און ווי אַזוי קאָן אַזאַ אומבאַשטימטע זאַך ווי „דאָס דאַזיקע” האָבן אַ קאַלטע נאַטור?...

„פּאַוואָליע און אַלץ דייטלעכער ווערט דאָס בייזקייט ביי די פאַרבליבענע דריי יונגען און ביי די מיידן פון די פּנימער אַנטרונען”

אַנטרונען ווערן איז אַ פּלוצלינגדיקער אַקט. מען קאָן נישט פּאַוואָליע אַנטרונען ווערן, פּונקט ווי מ׳קאָן נישט פּלוצלינג קריכן...

„ער זעט ווי די גויע מיט די סך קנייטשן איבער דער נאָז קוקט אויף דער מאַמען זייער לאַנג בייז און האָט שוין לאַנג געוואָלט רעדן. נאָכדעם קוקט ער אויף דער מאַמען און זעט ווי זי ווערט ווייס, ווען די גויע מיט די בייזע אויגן האָט שוין געהאַט גערעדט ווי גאָרנישט אויפצוהערן”.

באַווייזן, אַז די שילדערונג איז אומגעלומפּערט, איז נישט נויטיק, אָבער ס׳ווילט זיך דאָך באַמערקן דעם מחבר אָט וואָס: אויב מ׳זאָגט די מאַמע ווערט ווייס (געגנוואַרט), קאָן מען נישט צוגעבן, אַז דאָס געשעט ווען עמיץ האָט שוין געהאַט גערעדט (פאַרגאַנגענהייט). אויסער דעם איז „געהאַט גערעדט” שוין אַן אויסגעפּירטע טאַט און מ׳קאָן נישט צוגעבן: „גאָרנישט אויפצוהערן”. מ׳קאָן אויך נישט זאָגן... אָבער צו וואָס די אַנאַליזן? ווער ס׳האָט דאָס מינדעסטע שפּראַך-געפיל זעט סיי-ווי ווי דער מחבר פאַרגוואַלדיקט די ווערטער, די עלעמענטאַרע לאָגיק.

„נאָר אָט האָט ביי אים דאָס שוואַכע געזונט און אויך ס׳שוואַכע האַרץ זיינס גענומען אַזוי אַרויפלויפן, אַז ער איז מיט איינמאָל אַ ווייסער, אַן אויסגעבאַקענער, געבליבן ליגן אויפן גאָר-נאָענטן בעט און געסאַפּעט אין קישן אַריין: עך-כע... עך-כע...”.

פריער זענען אַרויפגעלאָפן (!) סיי דאָס שוואַכע געזונט און ביי דאָס שוואַכע האַרץ. (וואוהין זענען זיי אַרויפגעלאָפן?...) דערנאָך איז ער געבליבן ליגן אַן אויסגעבאַקענער (וואָס פאַראַ בעקערישע רעמיניסצענצן!) אויפן גאָר-נאָענטן בעט...

„און איבערן שאָקלען מיטן קאָפּ האָט ער ווי אויפגעהויבן די אַקסלען”...

וואָס לאָזט אונז הערן אַזאַ פּלוידעריי? ווי אַזוי הויבט מען דאָס אויף די אַקסלען איבערן שאָקלען מיטן קאָפּ?

„נאָכדעם ווי ר׳האָט שוין טראַכטנדיק איבערגעחזרט זיין פּלאַן, שמעון, דעמזעלביקן פּלאַן, וואָס ר׳האָט שוין איינמאָל „אינדערפרי” ביים וואַרשטאַט-טיש געהאַלטן אין גערעדאַנק פאַר גוט און נאָכדעם אַ ריר זיך געגעבן פון טיש אַוועק עפּעס צו טון, נאָך דעם איצטיקן איבערחזרן, איז אים די גאַנצע



דריקעניש פון קאָפּ ווי אַראָפּ צום געזעס (!) און ער איז געזעסן אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט אַצינד ערשט געקענט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש”.

לויט טרייסטערס אַנטדעקונג, אַז דאָס דריקעניש קאָן פון קאָפּ אַראָפּ צום... געזעס, דאַרף ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן, פּונקט ווי מען דאַרף באַוואונדערן די פאָלגנדיקע פּסיכאָ-פיזישע לעקציע וועגן צאָרן.

„אָבער ער האָט נישט אַרויסגערעדט זיין צאָרן, וואָס האָט אים אינעווייניק געשטאָכן אַמאָל ביים נאָפּל, אַמאָל ביים געשלעכט (!) און אַמאָל אונטערן האָרשייטל אונטערן אָרעם”...

און איצט -- וועגן שבת, שניי און... טינוף.

„איבערן טינוף קריכט דער שבת, איבערן שבת פאַלט דער שניי און איבערן שניי — ווידער שבת”...

טינוף-שבת, שבת-טינוף... געזעס, געשלעכט... און דאָס אַלץ — אָן שום זין, אַבי צו רעדן גראָבע רייד און צו ווייזן דער וועלט: זעט, איך בין אַ „נאַטוראַליסט”, און שרעק מיך נישט פאַר קיין „שטאַרקע” ווערטער...

ווען טרייסטער וויל שילדערן ווי רייך פּערל, שמעונס ווייב, איז אויסגעפּוצט, זאָגט ער וועגן איר:

„אויפן האַלז טראָגט זי אַ קנאַפּ פּונט (!) פּערל”...

ווי קורץ און ווי גוט!... אַ קנאַפּ פּונט!...

„ער האָט נאָכדעם- מסתמא מחמת אויך זיין זיין אָנגערעגט פון דעם נישט-געזעענעם נייעס אין מאַרק, געטון זיך אַ ריר און שטום גענומען גיין”.

„מסתמא מחמת אויך זיין זיין” — ווי טיף אוממוזיקאַליש מוז מען זיין אַזוי צונויפצושטעלן ווערטער.

„ער פירט זיך אונטערן אָרעם מיטן הויכן שטאָטישן בוי-מייסטער, וואָס טראָגט אַ שפּיציק בערדל און אַ לעדערנעם פּאָרטפעל” —

דאָס אַלטע קלאַסישע ווערטל: אַ סטודענט און אַ רעגן זענען געגאַנגען...

„שמעון האַלט די האַנט אויפהינטן, הגם ס׳איז נישט וואַרים אינדרויסן, רעדט צו די פּאַך-מייסטערס, און זיי ווידער האָרכן זיך צו ווי צו אַ לעגענדאַרישן ייד, וואָס האָט בסתר שמועסן מיט שטאַרקע ביימער, מיט מעכטיקע פעלזן און מיט תמיד זיך האַסטיק-גיסנדיקע טייכן”...

ערשטנס, ווערן מיר געוואָר דערפון, אַז די הענט אויף הינטן האַלט מען נאָר, ווען ס׳איז וואַרעם... צווייטנס, אַז ווען אַ רימער גייט מיט נאָך רימערס, קאָן מען שרייבן: ער גייט מיט „פּאַך-מיט-

מיטגייערס״... דריטנס, אַז אַ לעגענדאַרישער ייד רעדט מיט... „תמיד זיך האַסטיק-גיסנדיקע טייכן״...

„נאָכדעם שטייען זיי אויפן טראָטואַר דער ראובנלע, מאַשקע און די איבעריקע, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען נישט זייער צופרידן פון שמעונס טרייסט וואָס שייך די „עשיוס״, און ער אַליין, דער כשרער „יעקב״, שמעון מיט זיין תמיד נישט שלאָפנדיקן שטערן (!), האָט איצטער געטון זיך עפּעס דאָרטן אַ רוק. ער האָט ווי דערווייל זיך איינגעאַנצן צו עוסקן מיט די צערומשטייענדיקע פּאַך-מענטשן — וואָס אַז ער גיט זיך אַמאָל מיט זיי אָן, טרעטן זיי שוין נישט אָפּ ווי כנים — און עפּעס נאָכאַנאַנד נישט צעראָפּגעלאָזט אַן אויג פון אַ פאַר־קאָכטער קופּקע גבירים אדירים, וואָס זענען געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט — אויך אויפן זעלביקן טראָטואַר״...

ווען מען פאַרגלייכט צוויי זאַכן צווישן זיך, מוזן זיי, כידוע, זיין ענלעך. וואָס פאַראַ ענלעכקייט איז דאָ צווישן שטיין אויפן טריטואַר און... צווישן זיין זייער נישט צופרידן פון שמעונס טרייסט א. א. וו.? פונקט אַזוי קאָן מען דאָך זאָגן פאַרקערט: זיי זענען געשטאַנען אויפן טראָטואַר, גלייך זיי וואָלטן יאָ געווען צו־פרידן א. א. וו. אין ביידע פאַלן איז עס אַ משל כחרס הנשבר. צווייטנס: וואָס מיינט דער אויטאָר מיט די ווערטער: „שמעון מיט זיין תמיד נישט שלאָפנדיקן שטערן״? צי מיינט ער, אַז דער שטערן שלאָפט קיינמאָל נישט? אָדער אַז ער שלאָפט נישט תמיד? און וואָס איז דאָס איבערהויפּט פאַראַ מין שטערן?.. דריטנס קאָן מען נישט זאָגן „אַ פאַרקאָכטע קופּקע גבירים אדירים״. מ׳קאָן ה ע כ ס ט נ ס זאָגן „אַ קופּקע פאַרקאָכטע גבירים אדירים״, פערטנס קאָן מען נישט זאָגן: „און עפּעס נאָכאַנאַנד נישט צעראָפּגעלאָזט קיין אויג״, ווייל ווען מ׳לאָזט נישט אַראָפּ פון יענעם דאָס אויג, איז עס שוין ממילא נאָכאַנאַנד... פינפטנס...

„אַלץ וואָס מ׳זעט יאָ, איז ווי איינער אַ ייד מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד — אין צעשליאַנדרעוועטע געלאַטעטע מלבושים, לויפט הין און צוריק פון בית-המדרש, וואָס איז „אינמיטן״, אַרויפצו, אויבן״.

אָדער דאָס בית-מדרש איז אינמיטן (פאַרוואָס „אינמיטן״ קומט מיט געננזנפּיסלעך איז באמת אַ רעטעניש). אָדער אַרויפצו, אָדער אויבן, אינמיטן, אַרויפצו, אויבן — דאָס איז אין דריי-דימענזיעלן רוים נישט מעגלעך...

„חוה, וואָס זיצט אויפן זעלבן בענקל, וואו שלמה, זיצט נישט ווי תמיד — לעבן אים, נאָר אָפּגערוקט און מיט אַן אָפּגעבראָכענעם קאָפּ...

די דריי פּינטעלעך, וואָס דער מחבר גיט צו, דייטן-אָן, אַז דער



אָפּגעבראָכענער קאָפּ איז בלויז לתפארת המליצה. אַ טעם האָט דאָס ווי לאַקריץ.

און איצט וועלן מיר זען ווי אַזוי שלמה, דער רעוואָלוציאָנער, שמעונס צוקונפטיקער איידעם, טראַכט זיינע מחשבות.

„ער האָט אייגנטלעך, שלמה, געהאַט חשק — צו אויפ־צושטעלן זיך און אַזוי דרייענדיק זיך די וואָנצעס, וואָס דרייען זיך נישט, זאָל ער אַזוי אַריינגיין אין דער שלאָף-שטוב אַריין, צוגיין צו מיר און זי אַ פרעג טון:

— איר ווילט אפשר זען מיין פּאַספּאָרט?

וואָלט זי דאָך מסתמא אַ ציטער געטון און איבערבעטנ־דיק פאַרנייגט, אַז:

— אין קעגנטייל... ווי פּאַלט זיי דאָס איין צו באַשול־דיקן אַן אינטעליגענטנע פרוי?...

וואָלט ער איר באַלד אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין, אַז:

— אַזעלכע אינטעליגענטנע פרויען לויפן אויף פיר פיס איבער די גאַסן און פּאַשען זיך פון אָפּפאַל (!)...

מאָדנע געדאַנקען פון אַ „רעוואָלוציאָנער״. וואָלט ע ר געזאָגט, וואָלט ז י געזאָגט, וואָלט ע ר געזאָגט... און דערצו נאָך די מבוזה־דיקע רייד.

דאָס קאַפּיטל זיבעצן ענדיקט זיך מיט שמעונס תשובה טון. דער וואָלף ווערט אין קאַפּיטל זיבעצן אַ לעמעלע און דאָס אַלץ אַדאַנק דעם טויט פון דעם איינעקל, דעם „שלשולדיקן קריפּל״. שמעון גיט זיין זון אַ פאַסטן און ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון-הנפש:

„אין אָנפאַנג האָט ער עפּעס אויך ווי באַוואוסטלאָז אַרויס־געקוקט דורך דעם פענסטער, נאָכדעם — האָט ער שוין נישט אַרויסגעקוקט אינדרויסן און אויך זיך נישט אומגעקוקט דאָ אַרום אין שטוב. ער איז געזעסן האַלטנדיק די הענט אויף די מויערנע קניען און דעם קאָפּ נישט געדרייט נישט אַהין און נישט אַהער-בלויז איין וועג: גולמדיק״.

אַלזאָ: נ י ש ט געקוקט אינדרויסן, נ י ש ט געקוקט אין שטוב, נ י ש ט געדרייט מיטן קאָפּ, נ י ש ט אַהין און נ י ש ט אַהער. נאָך די אַלע „נישטס״ דערוויסן מיר זיך, אַז... „בלויז איין וועג: גולמדיק״... אוי, ווי גולמדיק! ל. טרייסטער מעג דאָס איבערחזרן...

„גראָד דאַמאָלס האָט מען געזען ווי ער, שמעון, דער זיידע, גייט פון ווייטנס. ער האָט אויסגעזען אַזוי הויך ווי משה רבנו, און שטאַרק און שרעקלעך ווי אַ טייוול״.

דאָסמאָל שרייבט טרייסטער משה רבנו שוין אָן גענזן-פּיסלעך. זאָל דאָס בלייבן אין דער מסורה פון דער יידישער ליטעראַטור... פונדעסטוועגן, פונוואַנען ווייסט דאָס טרייסטער ווי הויך משה רבנו איז געווען? האָט ער אים געקענט פערזענלעך? איז נישט אַמאָל

אהרן הכהן אָדער צלפחד געווען נאָך העכער? און פאַרוואָס טאַקע נישט פאַרגלייכן מיט זיין מאַיעסטעט עוג מלך הבשן?...

און צום סוף נאָך צוויי קליינע ציטאַטן, פון וועלכע מ׳וועט זען, אַז אויסער דעם משה-רבנו-קאָמפּלעקס, האָט נאָך ל. טרייסטער אַ... „דאַכט-זיך״-קאָמפּלעקס...

1) „אין קלאָרן פירעקיקן צימער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. נאָכדעם האָט זיך פון אַ, ד אַ כ ט ז י ך, אַראָפּפאַלנדי-קער (!) שטים געהערט:. דער יאַשניצע וויעלמאָזשני פאַן נעמט און צעבראַכט מען אינגאַנצן״.
(דאָ, ווי מיר זעען, רעדט שמעון צום „וויעלמאָזשני פאַן״ אויף יידיש און מיטן דיאַלעקט: „צעבראַכט מען״. האָט דער גרויסער פריץ גערעדט מאַמע לשון? אָדער האָט ל. טרייסטער פאַרגעסן, אַז דער פריץ איז אַ גוי און אַנטיסעמיט?...)

2) שמעון האָט, ד אַ כ ט ז י ך, אַצינד קיינעם נישט געזען, צו קיינעם נישט גערעדט און קיינעם נישט געזאָגט (וואָס?-י. ב.) נאָר אַלץ, וואָס ער האָט געטון, איז געווען, ד אַ כ ט ז י ך, ווי אַ פאַרחלשטער טראַכט״ א.א.וו.

דאַכט זיך אַהין, דאַכט זיך אַהער. ל. טרייסטערן ד אַ כ ט ז י ך; אָבער מיר זענען ז י כ ע ר, אַז ער קאָן קיין צ ו ו י י ש ו ר ו ת נ י ש ט א ו י פ ש ר י י ב ן.

* * *

מיר וואָלטן געוויס נישט אַוועקגעגעבן אַזויפיל צייט און פּלאַץ אַזאַ איינעם ווי טרייסטערן, ווען ער וואָלט געווען ביי אונז אַן א י י נ צ ל נ ע קאָמישע ערשיינונג. צום באַדויערן איז ער איינער פון אַ גאַנצן טיפּ מענטשן אָן חושים, וואָס האָבן זיך די לעצטע יאָרן אַרויפגעוואָרפן אויף דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און רייסן פון זיי לעבעדיקע שטיקער. ל. טרייסטער איז בלויז דער טעמפּ-סטער צווישן זיי. וועגן ל. טרייסטערס ראָמאַן איז נישט שייך צו זאָגן, אַז עס זענען אין אים דאָ לאַפּסוסן. לאַפּסוסן קאָנען זיין ביי אַ שרייבער. „אין שטילע טעג״ איז איין גרויסער קוריאָז. איין כאַאָס פון ווערטער, וואָס קלעבן זיך, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. צום אומגליק האָט נאָך גראָד אַזאַ מענטש זיך פאַרגלוסט צו מאַכן קונצן, זיין, מ׳שטיינסגעזאָגט, אָריגינעל, האָבן „אייגן לשון״. אַרויסגעקומען איז: אַ פאַרזעעניש אין געגנזנפיסלעך...

י. ב.



# דער VII אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן

דאָס יאָר 1933 איז געבענטשט געוואָרן מיט אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן מכל המינים: פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע, ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע... עס דאַרף אַריין אין דער געשיכטע אַלס דאָס קאָנגרעס׳יאָר.

עס זעט אויס, ווי די פעלקער פון אייראָפּע וואָלטן זיך באַמיט צו באַטויבן דאָס אייגענע אומרויקע געוויסן מיט פאַנפאַרן׳מאַרש און פלאַגן׳דעקאָראַציע. וואָס מער פאַרברידערונגס׳ און פאַרשטענדיקונגס׳ פראַזעאָלאָגיע אויף אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן, אַלץ מער העצעניש און גיפט ביי זיך אין דער היים. און פאַרקערט. וואָס מער פעלקער׳האַס אויף איין זייט — אַלץ מער אינטערנאַציאָנאַלע פאַראַדן אויף דער אַנדערער. וועגן איינעם פון די דאָזיקע אובצאָליקע קאָנגרעסן, נעמלעך וועגן דעם היסטאָריקער׳קאָנגרעס ווילט זיך שרייבן אַ פּאָר ווערטער.

אין פאַרלויף פון 8 טעג האָט אין וואַרשע אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען דער זיבעטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן. עס זענען געקומען דעלעגאַטן און געסט (בערך 600) פון איבער 30 לענדער — פון קאַלטן צפונדיקן שוועדן ביז דעם הייסן דרומדיקן אינדיען, פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד ביז דעם פאַשי-סטישן איטאַליע. מיט איין וואָרט: אַן אמתע פעלקער׳אויסשטעלונג. די דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן לענדער מיט פאַרשידענע פּאָ-ליטישע און סאָציאַלע אָרדנונגען, מיט קעגנזעצלעכע, אָפט פיינטלעכע אינטערעסן, זיינען זיך צונויפגעקומען אין נאָמען פון אַזויגערופע-נעם היסטאָרישן אמת, אין נאָמען פון דער „אומגעפעלשטער״ הי-סטאָרישער קריטיק.

שוין אין דעם terminus ad quem, וועלכן דער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט (דאָס יאָר 1914) אין דער באַשטימונג, אַז די טעמעס פון די רעפעראַטן טאָרן נישט אַריבערטרעטן דאָס דערמאָנ׳

# די שרייבער און די זידלער

אין דער יידישער א. ג. ליטעראַטור, וואו ס׳איז „לית דין ולית דיין״ און ווער ס׳וויל קומט און באַלעבאַטעוועט, טרעפט אויך, אַז מען טשעפּעט זיך צו איינעם צו און מען מאָנט ביי אים חשבון. און ווי דאָס געשעט שטענדיק ביי אַ המון, כאַפּט מען זיך אָן גראָד אין אַ בעסערן, און אַן אומשולדיקן און מ׳מאַכט אים פאַר אַ שציר לעזאזל.

ווער עס קען אונזער ליטעראַרישע גאַס — דער ווייסט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז דאָ די מלאכה פון זידלען. אין קיין שום ליטעראַטור איז מען נישט אַזויפיל מבזה שרייבער, ווי ביי אונז. ווען מ׳עפנט אויף, צ.ב.ש., אַ נומער פון דער „ליטעראַרישער טריבונע״ און מ׳זעט, וויפל שמוץ עס ווערט דאָרט עמערוויַיז געגאָסן אויף יידישע שריפטשטעלער, שעמט מען זיך פאַר זיך אַליין. נאָר ביי אונזער הפקרות און ביי אונזער היסטעריע איז מעגלעך אַזאַ טאָן. מ׳מעג דרייסט באַהויפּטן, אַז מיט „אַריינזאָגן״, מיט אָנזידלען מאַכט מען ביי אונז, מ׳שטיינס געזאָגט, קאַריערע. אויף דעם געביט איז, ליידער, נישטאָ קיין שום אונטערשיד צווישן דעם מאַרק, וואו מען האַנדלט מיט אַלטע שטיוול, און צווישן דעם ערגסטן פון די מאַרקן — אונזער ליטעראַטור־מאַרק.

איינער פון יענע, וואָס ווערן אַממייַנסטן געזידלט אויף אונזער קוילער׳געסל, איז נישט קיין אַנדערער ווי אהרן צייטלין. אַ פרעמ׳דער וואָלט געקענט מיינען, אַז אהרן צייטלין געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון דעם מאַרק און דערפאַר טרעפן אים אַלע פיילן. אָבער די נאָענטע ווייסן, אַז קיינער מיידט נישט אַזוי זאָרגעוודיק אויס דאָס געסל און זיינע באַוואוינער ווי גראָד אהרן צייטלין. די שנאה צו אים איז, אַפּנים, אַן אָרגאַנישע. מע באַקעמפט אהרן צייטלינען, ווייל ער האָט אַ פאָטער הלל צייטלין; ווייל ער איז, להיפוך צו די מאַרק־לייט, אַ קולטור׳מענטש; ווייל ער האָט דעם מוט נישט צו קלאַפּן אין דער פּלייצע יעדער טאַלאַנטלאָזיקייט. הייַנט זיין נייגונג צום איראַציאָנעלן! דאָס איז ביי זיי אַ זינד נישט צום פאַרגעבן. ווער עס שרייבט נישט אויף דער יידישער גאַס נח מיט זיבן גרייזן



איז איבערהויפּט אַ „פאַררעטער״. זיינע בעסטע לייסטונגען וועט מען אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: עט, ס׳איז קאָפּ׳אַרבעט! מיט דעם דאָזיקן שפרוך „הרגעט מען אַוועק״, מ׳שטיינסגעזאָגט, אין אונזער ביליקער קיבעצאַרניע יעדן איינעם, וואָס האָט די העזה צו זיין אינטעליגענטער פון אַ ל. טרייסטער... (זע די רעצענזיע אויבן).

משה גראָס געהער אויך צו יענע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער וועג מיט... אָנפאַלן אויף אהרן צייטלין. קיינער וואָלט צו אים איצט נישט געהאַט קיין טענה. כמעט אַלע פאַנגען דאָך אָן ביי אונז מיט אָנפאַלן. איבעריקנס, שווייגט שוין גראָס היפּשע עטלעכע יאָר. אָבער... מיט איינמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל און האָט — אויף אַ נאָווינע — ווידער אַ שטאָך געטון...

וואָס איז געשען?

אין נומער 5 „גלאָבוס״ („אמתן און בייזקייטן״) איז צייטלין מיט רעכט אַרויסגעטרעטן קעגן אַ ריי אָנגענומענע „מיינונגען״ (צוו. אַנד. קעגן דעם קולט פון נישט־שרייבן און „קינסטלערישן״ ליידיק־גיין, אָנווייַזנדיק, אַז גראָד די גרויסע, ווי געטע, ווי טאָלסטאָי, האָבן זיך לחלוטין נישט אויסגעצייכנט מיט דער „באַהעמישער״ אומפּרודוקטבאַרקייט, מיט וועלכער עס קאָקעטירן ספּעציעל ביי אונז די ליטעראַרישע עקרות.

אָבער פון אַזאַ קוק האָט מ. גראָס זיך, אַפּנים, געפילט געטראָפן און ער טרעט אַרויס קעגן צייטלינען אין וואַרשעווער „היינט״ פון ערב־יום׳כיפור מיט אַלערליי חכמהלעך און שטעכווערטלעך. לויט אים קומט אויס, אַז גראָד צייטלין איז דאָס דער פאַרטיידיקער פון... ליטעראַרישער „שיטערקייט״. מיר האָבן שוין געהערט, וואָס צייטלין האָט געזאָגט אין דער אמתן.

און נאָך: ווען איינער טרעט אַרויס פאַר דעם זין און קינסטלערישער וואָגיקייט פון אַלע שורות אין אַ ווערק און קעגן דער העגעמאָניע פון דעם טייל–הייסט עס אפשר, — ווי גראָס וויל עמיצן איינשמועסן, — אַז ער איז קעגן... „שלייפן אַ שורה״?

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז מ. גראָס לייגט אַריין צייטלינען כוונות, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט. ער מאַכט אויף אים פשוט אַ בילבול, כדי אַזוי׳אַרום אויסצולאָדן אויף אים זיינע „שטאַרקע אויסדריקן״. דערביי האָט גראָס, אַפּנים, פאַרזען, אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ יונגערער דור, וואָס טוט זיין אַרבעט אַ סך פלייסיקער. איצט וועט משה גראָס בשום׳אופן מער נישט קאָנען זינגען סאָלאָ. ער קאָן מאַקסימום אַריינפלעכטן זיין שטים אין אַלגעמיינעם כאָר. קיין איינדרוק קען דאָס נישט מאַכן. וואָס זעט זיך אָן אַ טראָפּן אין אַ — „ים״?

ווי שווער איז פאַר אַ יידישן קינסטלער צו עטעמען אין אַזאַ אַטמאָספער! וויפל געדולד און כוח מוז מען האָבן צו שטיין אייביק

אונטער אַ האָגל פון זלזולים און דערביי נאָך שלייפן אַ שורה און זוכן נייע פּאָרמען! נישט איינמאָל פאַלן אָפּ די הענט. נישט איינמאָל מוז מען צושליסן די אויגן, כּדי נישט צו דאַרפן אָנקוקן די אַלע, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר זייער ערן׳אויפגאַבע מיאוס צו מאַכן דעם יידישן שרייבער דאָס לעבן.

B—s.

# וועגן ביכער

## י. אָפּאַטאָשו: „פונדקא רטיבתא“

פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ 1933. 23 ז.

איז נאָך פאַראַן אַ פאָלק, וואָס קאָן זיך רימען מיט אַזאַ רייך געשיכטע, ווי יידן? די געשיכטע פון וועלכן פאָלק האָט זיכער געשפּילט כּמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט? וועמענס געשיכטע איז אַזוי רייך מיט פּאַראַדאָקסן ווי אונזערע און וועמענס גורל לאַכט אַזוי בולט אויס אַלע היסטאָריאָזאָפישע טעאָריעס ווי אונזערער? לויטן שכל הישר וואָלטן אין דער יידישער ליטעראַטור דער היסטאָרישער ראָמאַן אָדער די היסטאָרישע נאָוועלע געדאַרפט פאַרנעמען דעם אויבן אָן. די וועלט — און די גרעסטע מערהייט יידן גופא — האָט נאָך ביז היינט נישט קיין אַנונג ווי אַזוי מיר האָבן געלעבט, ווי אַנדערש מיר זענען געווען פון אַלע אַרום סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. וואָלט די יידישע ליטעראַטור געהאַט כּוח און פאַרנעם צו געשטאַלטיקן קינסטלעריש די אינטערעסאַנטסטע און כאַראַקטעריסטישסטע מאָמענטן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט—וואָלט זי זיכער טעמאַטיש געווען די סאַמע אָריגינעלסטע אין דער וועלט. און דאָך איז אַ פאַקט, אַז גראָד ביי אונז שרייבט מען אַזוי זעלטן אויף געשיכטלעכע טעמעס. „ייד זיס“ און „דער יידישער קריג“ זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף דייטש. אַפילו פּראָפּאָרציאָנעל ווערט אין אַנדערע שפּראַכן מער געשריבן אויף טעמעס פון יידישער



געשיכטע, ווי ביי אונז. די סיבות זענען אַ סך. קודם כּל דאָס, וואָס די יידישע ליטעראַטור ווערט ס׳רוב געשאַפן דורך מענטשן פון פאָלק, ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן נישט גענוג וויסן אויף צו קענען שטודירן מקורים און אַזוי אַרום זיך אַריינלעבן אין פאַרגאַנגענע עפּאָכן. לעצטנס, ווידער, איז צוגעקומען אַ נייע פּלאָג: ס׳איז גענוג, עמיץ זאָל ווענדן זיין בליק צום עבר, אַז אַ כאָר פון הונדערט בייזוויליקע עם-הארצים זאָל אים אין נאָמען פון שלעכט-פאַרדייעטע „לינקע“ טעאָריעס פאַרשרייען ווי אַ... רעאַקציאָנער... די דאָזיקע לייט נעמען דעם ענין בוכשטעבלעך: ווער ס׳כאַפּט אַ בליק אויף צוריק — דער איז ממילא אַ רעגרעסיסט און דאַרף האָבן דעם סוף פון לוט׳ס ווייב... קיין נאָכקוקערס אויף „כשרות“ פעלן ביי אונז נישט...

און דאָך —דאָך הויבן אָן ביסלעכווייז די היסטאָרישע שאַפונגען צו פאַרנעמען אַליין אַ גרעסער אָרט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען אַש׳ס „קידוש השם“ און „כישוף׳ מאַכערין פון קאַסטיליען“, אָפּאַטאָשו׳ס „פּוילישע וועלדער“ און „אַ טאָג אין רעגנסבורג“, לייוויק׳ס „גולם“, אהרן צייטלינ׳ס „יעקב פראַנק“ און „יידן׳שטאָט“, י. י. טרונק׳ס היסטאָרישע נאָוועלן, לעיבעס „שלמה מולכו“ און „אשר לעמלען“ א. א. דער בעסער פאַר יידישער שריפטשטעלער לאָזט זיך, צום גליק, נישט טעראָריזירן אין טוט אַזוי, ווי עס דיקטירט אים זיין קינסטלעריש געוויסן. אויך דער יידישער לייענער, אויף וויפל ער האָט נאָך נישט באַוויזן פאַרדאָרבן צו ווערן, ווייזט אַרויס אינטערעס צו ווערק, וואָס שטיצן זיך אויף אונזער געשיכטע.

נאָך זיין „טאָג אין רעגנסבערג“ האָט י. אָפּאַטאָשו ווידער אַרויסגעגעבן אַ היסטאָרישע דערציילונג. דאָסמאָל שפּילט זיך אָפּ די האַנדלונג אַזש אין דער צייט פון די תּנאים, הינטער דער שטאָט קסריה. דער אייגנטימער פון דעם גרינעם גאַסט׳הויז, דעם „פונדקא רטיבתא“, איז מתיא, אַ טונקעלער פּאַרשוין, אַ געוועזענער רויבער. זיין ווייב, נעמה, האַנדלט אונטער מיט איר קערפּער. איינער פון די שטאַם׳געסט, דער זקן ר׳ יצחק סחורה, „פלעגט פינף׳זעקס מאָל דורכן יאָר פאַרפאָרן צו איר מיט אַ מתּנה, איבערלאָזן דאָ אַ ביטשל בורשטינען, דאָ אַ שנירל קלערן, דאָ אַ סאַפּיר און דאָ אַן עמעראַלד“...

אויף אָט דער קאַנווע ווערט געגעבן דאָס יידישע פאָלקס׳לעבן פון יענער צייט.

אָפּאַטאָשו ווייזט דאָ אַרויס סיי בקיאות, סיי פאַרשטענדיש פאַר דער צייט, וועלכע ער שילדערט. מ׳דאַרף נעמען אין אכט די גרויסע פּערספּעקטיוו און די קנאַפּקייט פון מקורים וועגן דעם שטייגער׳לעבן פון יענער צייט, כּדי אָפּצושאַצן, וואָס פאַרא שווערע

גליון 15 סעפט 1933

vol. 2: 9

אויפגאַבע אָפּאָטאָשוּ האָט געהאַט פאַר זיך. און פונדעסטוועגן געלינגט אים אונז צו געבן אַ בילד און אונז אָנצווייזן אויף עפּעס, וואָס מיר האָבן שוין געהאַלטן פאַר אייביק פאַרלוירן פאַר אונזער אויג.

דאָס ביכל איז פאַרזען מיט צייכענונגען פון הענעך גליצענשטיין און איז הערלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ל. מ. שטיין אין שיקאַגאָ. איינגאַנצן גענומען, מאַכט דאָס ביכעלע דעם בעסטן איינדרוק. מ׳זעט, אַז אַלץ איז דאָ געטון געוואָרן מיט ליבע צו דער זאַך.

י. ב.

# פון דער אדמיניסטראַציע

צוליב מאַנגל אין אָרט, וועט די רשימה נום. 15 צוגעגעבן? – פאַרייַן אין נום. 16.

ר ע ד אַ ג י ר ט  ד ו ר ך  אַ  ק אָ ל ע ג י ע

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.